# אנטיביאטיק סקרינינג פאַרעם 1

NYC Health

שרייבט מסודר'דיג אין קעפיטל בוכשטאבן ווי געוויזן מיט פענע
אדער בלייי אדער טייפט אריין די אינפארמאציע אויף א קאמפיוטער.

EXAMPLE123

פולט אריין די צירקלען אזוי: ●
פולט נישט אריין אזוי: ⊗

**גיט די פאלגענדע אינפארמאציע פארן מענטש וואס וועט נעמען די אנטיביאטיק. די אינפארמאציע וועט ווערן גענוצט דורך די העלט דעפארטמענט פאר די צוועקן פון די פובליק העלט עמערדזשענסי. רעפערירט צו בלאט 2 פאר אינפארמאציע און אנווייזונגען. איר מוזט ענטפערן פראגעס 1-9 כדי צו באקומען אנטיביאטיקס ביי א פונקט פון אויסטיילונג (פוינט אוו דיספענסינג – POD).**

ערשטע נאמען (First Name) לעצטע נאמען (Last Name)

געבורט דאטום (MM/DD/YYYY) היים זיפ קאוד מין

☐ פרוי ☐ מאן ☐ טראנסדזשענדער ☐ דזשענדער נאנקאנפארמינג

| | יא Yes | ניין No |
|---|---|---|
| 1. האט דער מענטש וואס וועט נעמען די אנטיביאטיק שוין אמאל געהאט אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע צו doxycycline אדער tetracycline אנטיביאטיקס וואס האט געפאדערט מעדיצינישע אויפמערקזאמקייט? | ☐ | ☐ |
| 2. איז דער מענטש וואס וועט נעמען די אנטיביאטיק טראגעדיג? | ☐ | ☐ |
| 3. האט דער מענטש וואס וועט נעמען די אנטיביאטיק שוין אמאל געהאט אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע צו (Cipro) ciprofloxacin אדער אנדערע fluoroquinolones וואס האט געפאדערט מעדיצינישע אויפמערקזאמקייט? | ☐ | ☐ |
| 4. האט דער מענטש וואס וועט נעמען די אנטיביאטיק myasthenia gravis? | ☐ | ☐ |
| 5. נעמט דער מענטש וואס וועט נעמען די אנטיביאטיק tizanidine (Zanaflex)? | ☐ | ☐ |
| 6. נעמט דער מענטש וואס וועט נעמען די אנטיביאטיק theophylline? | ☐ | ☐ |
| 7. האט דער מענטש וואס וועט נעמען די אנטיביאטיק נירן קראנקהייט אדער איז יענער אויף דייאליסעס? | ☐ | ☐ |
| 8. איז דער מענטש וואס וועט נעמען די אנטיביאטיק נישט פעאיג אראפצושלינגען פילן? | ☐ | ☐ |
| 9. וועגט דער מענטש וואס וועט נעמען די אנטיביאטיק ווייניגער ווי 76 פונט אדער 35 קג? אויב יא, שרייבט אריין די וואג:________ פונט אדער _______ קג. | ☐ | ☐ |

**THIS SECTION FOR POD STAFF ONLY / דער טייל איז בלויז פאר POD שטאב**

**Medical Evaluation**

○ Rx: Ciprofloxacin suspension ________mg Q12h X 10 days ○ Doxycycline (C) ○
○ Rx: Clindamycin ________mg Q8h X 10 days ○ Doxycycline Only
○ Rx: Amoxicillin ________mg Q8h X 10 days ○ Ciprofloxacin Only

Notes ____________________________________________

Signature ________________________ License # __________________________

**Screening**

○ Doxycycline (C) ○
○ Doxycycline Only
○ Ciprofloxacin Only
○ Medical Evaluation

Initials ______________

☐ איך נעם אפ די אנטיביאטיק פאר זיך אליין. איך בין מסכים צו נעמען די אנטיביאטיק אזוי ווי פארגעשריבן.

אדער

☐ איך נעם אפ די אנטיביאטיק פאר דעם מענטש וועמענ'ס נאמען שטייט אויבן אויף דעם פארעם. איך בין מסכים צו געבן די אנטיביאטיק און אלע שריפטליכע אנווייזונגען צום מענטש וועמענ'ס נאמען שטייט אויבן אויף דעם פארעם.

דרוקט אייער נאמען ______________________ אונטערשריפט _________________________ דאטום___________________

Yiddish

ריסעט פארעם | סקרין\פרינט פארעם | דרוק ליידיגע פארעם

## אינפארמאציע און אנווייזונגען

ווען איר פולט אויס דעם פארעם און קליקט אויף "סקרין\פרינט פארעם", וועט דער קאמפיוטער באשטימען וועלכער אנטיביאטיק איר באקומט. דרוקט דעם אויסגעפולטן פארעם און ברענגט עס מיט זיך צו א POD. דאס וועט ערלויבן די שטאב אייך צו סערווירן שנעלער. ליידיגע פארעמס וועלן אויך זיין אוועילעבל ביי POD'ס.

**פראגע 1:** אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע איז א לעבנס-דראענדע רעאקציע וואס קען פאראורזאכן פראבלעמען מיטן אטעמען און\אדער שלינגען, געשווילעכץ אויפן פנים, אויגן אדער צונג, אדער ברוסטקאסטן ווייטאג. אפטע זייטיגע ווירקונגען פון אנטיביאטיקס רעכענען אריין דייעריע און אומרואיגע מאגן און ווערן נישט פאררעכנט אלס ערנסטע אלערגישע רעאקציע.

Tetracyclines זענען א גרופע אנטיביאטיקס (אריינגערעכנט doxycycline, minocycline און tetracycline) וועלכע פארמיידן אדער באהאנדלען באקטעריע אינפעקציעס. א מענטש וועלכע האט געהאט אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע צו doxycycline אדער אנדערע tetracyclines קען נישט נעמען doxycycline; אזעלכע זאלן ענטפערן "יא" אויף די פראגע.

**פראגע 2:** Ciprofloxacin איז געווענליך פארצוגליך פאר א מענטש וואס איז טראגעדיג. פונדעסטוועגן, אויב אזא איינער איז געווארן אויסגעשטעלט צו ענטערעקס, קען מען אויך נעמען doxycycline צו פארמיידן ענטערעקס אינפעקציע. א מענטש וואס איז טראגעדיג קען באקומען אדער doxycycline אדער ciprofloxacin געוואנדן אויף זייערע ענטפערס צו די אנדערע סקרינינג פראגעס. זיי זאלן ענטפערן "יא" אויף די פראגע.

**פראגע 3:** אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע איז א לעבנס-דראענדע רעאקציע וואס קען פאראורזאכן פראבלעמען מיטן אטעמען און\אדער שלינגען, געשווילעכץ פונעם פנים, אויגן אדער צונג, אדער ברוסטקאסטן ווייטאג. אפטע זייטיגע ווירקונגען פון אנטיביאטיקס רעכענען אריין דייעריע און אומרואיגע מאגן און ווערן נישט פאררעכנט אלס ערנסטע אלערגישע רעאקציע.

Fluoroquinolones זענען א גרופע אנטיביאטיקס (אריינגערעכנט ciprofloxacin, levofloxacin און moxifloxacin) וועלכע פארמיידן אדער באהאנדלען באקטעריע אינפעקציעס. א מענטש וועלכע האט געהאט אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע צו ciprofloxacin אדער אנדערע fluoroquinolones קען נישט נעמען ciprofloxacin; זיי זאלן ענטפערן "יא" אויף די פראגע.

**פראגע 4:** Myasthenia gravis איז א כראנישע צושטאנד וואס איז גורם מוסקל שוואכקייט. Ciprofloxacin קען פארערגערן די סימפטאמען פון myasthenia gravis. Doxycycline האט נישט דעם ווירקונג. א מענטש וואס האט שוין אמאל געהאט א דיאגנאז פון myasthenia gravis קען נישט נעמען ciprofloxacin; זיי זאלן ענטפערן "יא" אויף די פראגע.

**פראגע 5:** Tizanidine (Zanaflex) איז א מעדיצין וואס פארלייכטערט מוסקל ספאזמס. Ciprofloxacin קען מאכן די זייטיגע ווירקונגען פון Tizanidine (Zanaflex) ערגער. Doxycycline האט נישט דעם ווירקונג. א מענטש וואס נעמט יעצט Tizanidine (Zanaflex) קען נישט נעמען ciprofloxacin; זיי זאלן ענטפערן "יא" אויף די פראגע.

**פראגע 6:** Theophylline איז א מעדיצין וואס באהאנדלט געוויסע אטעמען פראבלעמען. Ciprofloxacin קען מאכן די זייטיגע ווירקונגען פון Theophylline ערגער. Doxycycline האט נישט דעם ווירקונג. א מענטש וואס נעמט יעצט Theophylline קען נאך אלס נעמען Ciprofloxacin אבער מען דארף אונטערזוכן זייערע Theophylline שטאפלען. זיי זאלן ענטפערן "יא" אויף די פראגע.

**פראגע 7:** נירן קראנקהייט מיינט אז די נירן זענען געשעדיגט און קענען נישט דורכזייען די בלוט ווי נארמאל. נירן שאדן פארמינערט דעם קערפער'ס פעאיגקייט צו פראצעסירן Ciprofloxacin. נירן שאדן פארמינערט נישט דעם קערפער'ס פעאיגקייט צו פראצעסירן doxycycline. א מענטש וואס האט נירן קראנקהייט, אדער איז אויף דייאליסעס, קען נאך אלס נעמען Ciprofloxacin אבער קען דארפן א נידריגערע דאזע. זיי זאלן ענטפערן "יא" אויף די פראגע.

**פראגע 8:** א מענטש וואס איז נישט פעאיג צו שלינגען פילן קען ברעכן, קרעקן אדער זיך שטיקן אויף א פיל. זיי מוזן באקומען א פליסיגע אנטיביאטיק אדער אן אנטיביאטיק וואס קען ווערן צעמאלן. א מענטש וואס איז נישט פעאיג צו שלינגען פילן זאל ענטפערן "יא" אויף די פראגע.

**פראגע 9:** א מענטש וואס וועגט ווייניגער ווי 76 פונט אדער 35 קג קען דארפן א נידריגערע דאזע פון אנטיביאטיק. זיי זאלן ענטפערן "יא" אויף די פראגע און אריינשרייבן זייער וואג.